# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

**פרשת משפטים, כ"ז שבט תש"פ לפ"ק**
**שנה א' גליון כ"א**


**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות....................5:20
מוצאי שבת קודש....................6:52

## א מעשה פון תפלה

### אייזיק ראטה

ווער עס איז שוין געגאנגען איינקויפן ביי האום דיפאוי ווייסט אז עס קען נעמן זייער לאנג פון ווען מען גייט אריין ביז מען טרעפט זיך אינדרויסן, אזוי ווי איך דארף אסאך קויפן דארט, האב איך געבעטן דעם אייבערשטען פאר איך בין נאכאמאל געגאנגען אהין אז עס זאל נעמן איין צוויי די גאנצע זאך, און שכח אייבערשטער ווען איך בין אריין געקומען אין די סטאר איז גלייך צוגעקומען א ארבעטער פרעגן צו ער קען מיך מיט עפעס העלפן, און אזוי אויך ביים באצאלן איז עס געגאנגען זייער שנעל אזוי אז ביז אפאר מינוט בין איך שוין געווען אינדרויסן מיט מיין ארדער. שכח אייבערשטער!

### שלמה יאקאבאוויטש

פון ווען איך האב ארויס געמופט דא אין שטעטל בעט איך דעם אייבערשטן יעדן טאג אז איך זאל האבן א דזשאב וואס איז נאנט צום שטעטל און איך זאל נישט דארפן אריין פארן יעדן טאג צו די סיטי וואס איז א וועג פון 2 שעה אהין און 2 צוריק, און שכח אייבערשטער אז איינער איז צוגעקומען צו מיר בעטן אז איך זאל אריין קומען ארבעטען ביי אים, און דאס איז טאקע געווען א דזשאב וואס איז זייער געאייגענט פאר מיר, אזוי אז איך האב נישט געדארפט ארום גיין זיכן א דזשאב.

**מודיעה**

מיר ווילן מודיע זיין אז דער ראש ישיבה שליט"א
לאדענט יעדן איינעם פערזענליך צום מלוה מלכה
מוצאי שבת פרשת תרומה אין ישיבה.

לייגטס אוועק דעם דאטום.

## נייעס אין שטעטל

די פארגאנגענעם זונטאג און מאנטאג משפטים איז פארגעקומען די הערליכע פלעי פון "דער בערגער און דער ארעמאן" דורך בית פיגא ברסלב וויליאמסבורג סקול, דער ראש ישיבה האט געשריבן א בריוו "איך וויל זייער שטארק אז די עלטסטע קלאס פון בית פיגא ליבערטי זאלן אריין קומען זונטאג אין שטאט צו די פלעי" דער ראש ישיבה האט געזארגט עס זאל זיין א וועג פאר זיי, מען איז ארויס געפארן צוזאמען מיט די חשובע טיטשער תחי', ווען מען איז אנגעקומען אין שטאט איז מען קודם געגאנגען צום ראש ישיבה וואס האט גערעדט צו זיי אפאר ווערטער און דערנאך פארטיילט פאר זיי א קמיע פון מוהרא"ש וואס איז מסוגל לשמירה לרפואה ולהצלחה, דערנאך איז מען געגאנגען צו די פלעי ווי די תלמידות האבן מורא'דיגע שטארק הנאה געהאט און ארויס גענומען אסאך מוסר און שכל וויאזוי זיך צו פירן אין די לעבן.

אזוי אויך האט דער ישיבה שליט"א צוגעשטעלט א וועג פאר די חשובע פרויען פון שטעטל זיי זאלן אויך קענען מיטהאלטן דעם שיינעם פלעי.

ווי מען הערט צוריק פון די חשובע פרויען און קינדער, אז די פלעי איז געווען עפעס אזאנס וואס מען האט נאך קיינמאל נישט געזעהן פאר דעם, סיי די פראפעסיאנאלע חלק דערפון וואס איז געווען אויפ'ן העכסט'ן סטאנדארט, און סיי אין די תוכן פון די פלעי - ווי מען האט אריין געלייגט גאר אסאך הדרכות און שכל פון הייליג'ן רבי'ן וויאזוי זיך צו פירן אויפ'ן טאג טעגליכע לעבן.

## ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד
טוהן מיר אויפנעמן האברך החשוב

**ר' מעכל ראזענפעלד נ"י וזוגתו תחי'**

וואס זענען געקומען וואוינען דאהי אין ברסלב'ע שטעטל.

די אייבערשטער זאל העלפן ער זאל מצליח זיין דא אין
שטעטל און זעהן אסאך נחת פון די קינדער.

# ליל ששי יתרו מיט די ראש ישיבה שליט"א

די פארגאנגענע דאנערשטאג יתרו האט מען געהאט די זכיה אז דער ראש ישיבה שליט"א איז געקומען געבן א שיעור פאר די אינגעלייט אין שטעטל, אנגעהויבן האט זיך עס ווען דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט דעם דף גמרא בטוב טעם ודעת. דערנאך האט מען ארום גערעדט פון די חשיבות צו **זאגן א דף גמרא יעדן טאג** וואס דאס דארף זיין די חיות פון א מענטש, נישט יעדן טאג קען מען הערן דעם שיעור פארגעלערנט אזוי שיין, דארף מען זעהן צו זאגן דעם דף יעדן טאג אפילו מען קומט נישט צום שיעור. איך בין געקומען פארלערנען דעם דף גמרא ארויסצוברענגען די חשיבות פון לערנען יעדן טאג א דף גמרא, און אזוי אויך וויל איך זייער שטארק אז מען זאל קומען אינדערפרי לערנען אין כולל פאר'ן דאווענען, מען דארף לערנען הלכות כדי מען זאל וויסן וואס צו פרעגן ווען מען האט א שאלה אין שטוב.

א) א אינגערמאן פרעגט מיר אזוי ווי לעצטענס האט ער אסאך געלט שאדן און ער ווייסט נישט וואס די אייבערשטער וויל אים דא מרמז זיין, וויל ער איך זאל אים זאגן וואס ער דארף פארריכטן? איז מוהרא"ש פלעגט אלץ זאגן אז א מענטש דארף תשובה טוהן אויף דעם וואס ער דאנקט נישט דעם אייבערשטן, און אויב דאנקט ער שוין יעדן טאג - דארף ער אנהייבן נאך מער צו דאנקן, מען דארף תשובה טוהן פארוואס מען טאנצט נישט יעדן טאג, און אויב טאנצט ער דארף ער נאך מער טאנצן, דער אייבערשטער טוט מיט א מענטש יעדן טאג גוטס וואס דער מענטש ווייסט אפילו נישט, און אזוי אויך דארף מען זעהן ארום גיין פארציילן פאר מענטשן אז אונז האבן א גוטע באשעפער, ברוך השם דו קענסט זעהן דו קענסט הערן דו קענסט שמעקן, עס איז געווען א ברסלב'ע חסיד רבי אהרן קובליטשער ז"ל ער איז געווען א ביטערע ארימאן און זיין ווייב פרעגט אים וואס ביזטו אזוי פרייליך? זאגט ער ברוך השם א אפעטיט צו עסן האב איך.

ב) א מענטש וואס ווארט א לאנגע צייט פאר קינדער איז נאכדעם ווען ער האט קינדער איז ער אזוי פרייליך און דאנקבאר צום אייבערשטן און ער רעדט זיך גארנישט אפ אפילו עס איז שווער אסאך מאל, אבער א אינגערמאן וואס האט א קינד גלייך נאך די חתונה איז נישט מכיר טובה פאר די חסד וואס דער אייבערשטער טוט מיט אים אז ער האט קינדער ברוך השם.

ג) ווען א מענטש פירט זיך אזוי און ער איז פרייליך און דאנקבאר פאר'ן אייבערשטן פאר אלע חסדים, רינט עס שוין אויך אריבער צו זיין ווייב און קינדער, און זיי הייבן אויך אן לעבן מיט'ן אייבערשטן.

ד) איך האב צוגעזאגט פאר מוהרא"ש ביי די לויה אז איך וועל נישט מאכן קיין מחלוקת און היכל הקודש, דארף מען זעהן דא אויך נאר זיך צו האלטן צוזאמען מיט א ליבשאפט איינער מיט'ן צווייטן.

ה) ווען מען נעמט אריין געסט אין שטוב דארף מען נישט אנגרייטן א ריזיגע סעודה און קלינען די פענסטער'ס פון די הויז וכד', נאר אזוי ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט פאר זיין טאכטער, וואס איז הכנסת אורחים? נאך א שטיקל טישטוך און נאך א שטיקל חלה, אזוי אויך ווען מען מאכט סיוווי א קוגל זאל שוין זיין א גרעסערע סייז קוגל כדי עס זאל זיין פאר איינער וואס האט נישט אדער קען נישט יעצט קאכן, דאס איז די שענסטע זאך אז מען קען זיך העלפן איינער דעם צווייטן.

ו) דער ראש ישיבה האט געבעטן די אינגעלייט זיי זאלן פארציילן עפעס וואס טוט זיך דא אין שטעטל, און די אינגעלייט האבן פארציילט איינער נאכ'ן צווייטן - מעשיות וואס ברענגט ארויס ווי שיין מען העלפט זיך ארויס איינער דעם צווייטן מיט אלעס וואס מען דארף.

ז) זעהן צו זיין גרייט פאר'ן שבת געגנוג צייטליך, נישט אריינפאלן אין דעם שבת מיט א בהלה, קאכן די עסן שוין מיטוואך-דאנערשטיג, באדן די קינדער דאנערשטיג ביינאכט, אזוי אויף פרייטיג בלייבט איבער צו אפווארטן דעם הייליג'ן שבת.



ליל ששי יתרו אין שטעטל

